2C 7:1-8

דעריבּער, האָבּנדיק די דאָזיקע הבטחות, מיינע טייערע חברים, לאָמיר זיך מְטַהֵר זיין פון אלץ דינג וואָס קען מטמא בשׂר און רוּחַ און לאָמיר זיך שטרעבּן צו זיין אין גאנסען הייליק אלץ יראת הכבוד. גיט אונדז אן אָרט אין אייערע הערצער; מיר האָבּן קיינעם נישט געטון קיין עולה, מיר האָבּן קיינעם נישט פאַרדאָרבּן, קיינעם נישט אָפּגענאַרט. איך זאָג עס נישט כדי (אייך) צו פאַרמשפּטן; וואָרים איך האָבּ שוין פריער געזאָגט, אַז איר זענט אין אונדזערע הערצער, כדי צוזאַמען (מיט אייך) צו שטאַרבּן און צוזאַמען צו לעבּן. גרויס איז מיין בּטחון בּנוגע אייך, גרויס איז מיין רימען זיך פוּן אייערטוועגן; איך בּין פול מיט נחמה, איך פליס איבּער מיט שמחה אין אַלע אונדזערע צרות. וואָרים אַפילו ווען מיר זענען געקומען קיין מאקעדאָניע, האָבּן מיר נישט געהאַט קיין מנוחה פאַר אונדזער לייבּ, נאָר זענען געקוועלט געוואָרן פון אַלע זייטן; פוּן דרויסן מחלוקות, אינעווייניק מורא. נאָר ה', וועלכער טוּט טרייסטן די שפלדיקע, האָט אונדז געטרייסט דוּרך דעם קוּמען פוּן טיטוּסן. און נישט בּלויז דוּרך זיין קומען, נאָר אויך מיט דער נחמה, מיט וועלכער טיטוּס איז געטרייסט געוואָרן בּיי אייך. און טיטוּס האָט אונדז דערציילט פוּן אייער בּענקשאַפט (פאַר מיר), פוּן אייער עצבות, פוּן אייער אייפער פאַר מיר, אַזוי, אַז איך האָבּ מיך נאָך מער געפריידט. ווייל אַפילו אויבּ איך האָבּ אייך מצַער געווען מיט דעם בּריוו, טו איך נישט קיין חַרָטה האָבּן דערויף, הגם איך האָבּ עס יאָ חַרָטה געהאַט; ווייל איך זע, אַז